STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

NO. 12502

# FOLK UN LAND

Judah Gordon

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave,* or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

# פאלק און לאנד

פון יהודה גאריאן

ISBN:0-657-12502-4

01-204

פאראנאן פרעס 2529 א. 55טע סטריט
קליוולאנד, א.

# פאָלק און לאַנד

(פונקען)

פון

## יהודה נארדאן

קליוולאנד, א.
ה׳תרפ״ב

אור חדש על ציון תאיר...
ציון אין א נייע ליכט...

Digitized by the Internet Archive
in 2012 with funding from
National Yiddish Book Center

http://archive.org/details/nybc212502

מיינע עלטערן מעבר לים

א מתנה

# פארווארט פון רבי שלמה גאלדמאן

מר. גארדאן איז נאָך גאר א יונגער מאן און ברייננגט יעצט בעפאָר דעם אידישען לעזער ראשית בכוריו, עס שוועבט איבער דיזען בוך דער התלהבות-פייערדיגער גייסט פון יוגענד.

זיינע רעיונות און מחשבות באצייכענען איהם אָבער אלס געזעצטער אריגינאלער דענקער, דער יונגער גאָרדאָן איז אַ זקן שקנה חכמה, אונזער תלמודישע ליטעראטור איז שגורה בפיו, און ווי רייצענד ער שפּיעלט זיך מיט איהר, און ווי חנ'עוודיג ער באַציערט מיט איהרע פערלען זיינע געדאנקען.

גארדאן איז א מוטיגער שטאָלצער איד, ער ליעבט זיין פאָלק, ער ליעבט ציון, זיין האַרץ ברעכט קוקענדיג אויף דעם פארוואגעלטען פאַרקריפּעלטען ישראל, און אויף דער פאַרלאָזענער חרוב'דיגער ציון, אבער ער רופט אייך ניט צו זאָגען מיט איהם קינות אדער זינגען מה יפית, ער איז שטאלץ, ער איז א מכבי.

וואַרף אַרונטער דעם גלות פון לייב און זעעלע פון מח און כח. גלייך אויס דיין רוקען ישראל, שפּינעל דיך אין דיין פאַרגאַנגענהייט און מאַך זיכער דיין צוקונפט, דו בּיזט איין אייבּיגעס פאָלק, לערען צו קענען דיין גייסט, דיין ווירדע, דו בּיסט דער יסוד פון פּראָגרעס אין זיין העכסטע שטופּע, לאָז דאָס די פעלקער וויסען—אַזוי רופט דער יונגער גאָרדאָן.

מיר האָפען דאָס זיינע ווערטער וועלען אַרויסרופען אַן אָפּקלאַנג אין דער אידישער גאַס, און גאָרדאָן וועט בּאַקומען גענוג ענטוזיאַזמוס צו ווערען אַ בּן-בּית אין דער אידישער ליטעראַטור.

שלמה גאָלדמאַן

# ליכט און שאטען
(פארוואַרט)

אמר שומר אתא בקר וגם לילה...
ישעי׳ כ״א.

ליכט און שאטען.

און גרויס איז די ערבוביה ...

און שטארק איז די ממשלה-קאנקורענציע... אט דאכט זיך, מיר ווערען פארפלייצט אין א ים פון ליכט און זוניגען האפנונג... און אט דאכט זיך, מיר ווערען פארשלונגען אין א תהום פון שאטען און חשך-דיגען יאוש...

אונזער לעבען אין גלות האט קיינמאל ניט פארמאָגט קיין העלע, ליכטיגע פארבען און רעאלע, גאנצע קאלירען. א בין השמשות לעבען איז עס געווען, א זון און שאטען-לעבען, א לעבען פון ספקות-ראנגלעריי און טיפען אין צער-געלייטערטען האפנונג...

„זון מעהר ווי שאטען״ איז נישט נאר געווען א פסול אין אונזער סכה, נאר אויך א פסול אין אונזער לעבען...

# די קללה פון גלות

די קללה פון גלות איז איינגעטונקען אין
דער אידישער נשמה אזוי ווי א קנויט אין
נאַפט... און ווי א קנויט ציהט עס ארויס די
נאפט פון אונזער לעבען און שיקט צוריק א
שטיקענדען רויך דורכגעדרונגען מיט א שווארצע
דיקע סאזשע...

צווייג

האדון חדל מהיות אדון אבל העבד לא
חדל מהיות עבד — אחד העם.

ניט נאר זיינען מיר פאַרקנעכטעט און פאַר-שקלאַפט צו פרעמדע השקפות און דעות, נאר אויך צו אונזער אייגענע שמאָלקעפיגקייט און קורצזיכטיגקייט.

און — ווען שוין באַפרייט פון פרעמדען גייסטיגען שעבוד, דאַרף נאך אונזער גלות-איך א באַזונדער „שטר-שחרור", אום ניט צו בלייבען א „חצי עבד וחצי בן חורין"...

דער פולער באַגריף פון דעם „השתא הכא״ איז אַזאַ פונדאַמענטאַלער גורם אין דער אויפ־לעבונג פון פאָלק און לאַנד, ווי עס איז דער פייערדיקער שטרעבן פון „לשנה הבאה בארעה דישראל״...

ווי אויך, דער אַבסאָלוטער באַוואוסטזיין פון דעם „השתא עבדי״ איז אַזאַ חשוב־ער תנאי אין דער גאולה, ווי עס איז דער היים־גליהענ־דער וואונש פון „לשנה הבאה בני חורין״...

פּערצען

פון איין זייט, דאָס טיעפע פיהלען, מיט יעדען נערוו, מיט יעדען האַרץ-קלאַפּ, די קללה פון גלות און די ברענענדע שאנדע, און שפלות, און צער פון „שכינתא בגלותא״... און פון דער צווייטער זייט, גייסטיגע פליגלען, אָדלערישען הויב, רעוואלוציאָנערען פייער און טעמפּעראַמענט און קוועקזילבערדיגע פלינקייט און שפּרונג...

— — יאָ, הלואי וואָלטען מיר שוין געהאַט אויף אזוי פיעל „קפיצת המחשבה״ צו ארץ ישראל, אויף וויפיעל ארץ ישראל האט שוין געהאַט „קפיצת הדרך״ צו אונז — וואָלטען מיר שוין אפשר לאַנג געווען אין ארץ ישראל...

פופצען

די קללה פון גלות—די קללה פון צמצום. מיר האָבּען מורא (מורא—דער כאַראַקטערים-טישער בּאַציל פון קנעכטשאַפט...) פאר א מאקסימום ענטוויקלונג פון אונזערע כחות...

בּויגען מיר זיך אין דרייען... קאָרטשען די בּיינער אין זיך... בּיז דער איינענער איך ווערט איינגעשרומפּען ווי א כזית...

גרויסע, הייליגע אונטערנעמונגען קומען ארויס בּיי אונז קליין, וואָכעדיג און „קקיון-דיונה׳-דיג...מיר טרינקען זאָגאַר אונזער פריי-הייט מיט א מעדיצין לעפעלע...

—און צו וואס די זעלבּסט פאַרלייקנונג? פאַר אונזערע פריינד דארפען מיר זיך דאך ניט בּאַהאַלטען, און פאר אונזערע שונאים קאנען מיר זיך דאָך ניט פאַרבּאַהאלטען...

זיי—ווען מיר זאָלען זיך אפילו וואַלגערען אונטער די פיס ווי ווערים—וועלען זיי דאך אונז אזוי ווי דורך א מיקראָסקאָפּ דערזעהן...

אם אין אני לי מי לי
פרקי־אבות.

אונזער איך איז צובּרעקעלט, און יעדע בּרעקעל איך דיענט הכנעה׳דיג צו אן אנדער גאט... און—וואו עס איז קיין „אני״ ניטא קאָן קיינמאל קיין „לי״ ניט זיין...

פאַרמאגען מיר גארניט אויף אונזער אייגע-נעם באנק בּיכעל...

און אונזער גרויסער גייסטיגער פארמעגען ווערט, אויף אן אויטאָמאטישען אופן, צוגע-שריבּען צו פרעמדע נעמען...

„מה שקנה עבד קנה רבו״...

...מנעי קולך מבכי ועיניך מדמעה כי יש
שכר לפעלתך ירמי׳ ל״א.

די וועלט מעסט דעם רצון פון א פאָלק נאָך די מעשים פון א פאָלק...

אויף וויפיעל אַ פאָלק ווערט מקופח אין זיין שכר פאר מעשים, אויף אזוי פיעל ווערט זיין רצון אונטערשעצט...

קנעכט קריגען קיינמאָל ניט קיין הונדערט פראָצענטיגע אנערקענונג, ווייל קנעכטשאפט מיינט זעלבסט פאַרלייקנונג, און ווי קאָן פון זעלבסט-פאַרלייקנונג קומען פרעמדע אַנערקענונג?

אָט איז אַ פסיכאָלאָגישער פאַקט פון דער אַמעריקאַנער היסטאָריע. זוען די נעגערס אין אַמעריקא זיינען נאָך געווען פאַרשקלאַפט, האט מען זיי ביי א געוויסע „עלעקשאן״ געגעבען דאָס רעכט צו שטימען, נאָר געצעהלט האָט מען זיי — פינף פאַר דריי...

— — „שכר לפעלתך״ — פולער שכר פאר דיינע מעשים—וואָס פאַר א היילענדער טרייסט-וואָרט דאָס איז...

אכצען

זכור אשר נשבעת לאבותינו ככוכבי השמים
ארבה את זרעכם ועתה נשארנו מעט
מהרבה                תפילת שני וחמישי.

## א.

מיר זיינען קיינמאל ניט געווען מעהרער אין צאהל, רייכער אין ליטעראטור, ווי היינט.

און דאך זיפצען מיר—„ועתה נשארנו מעט מהרבה"...אין דער מעגליכקייט...

אין דער מעגליכקייט האבען מיר דאך היינט נעקאָנט זיין א ריזיגע פאלק...

מיר טראגען אין אונזער בלוט די ברכה פון „ככוכבי השמים"... נאר גלותי איז די „עלוקה" מיט איהרע טייוולישע „בנות" וואס פערצעהרען דאס שעהנסטע און דאס הייליגסטע אין אונזער לעבען...

און אָפען זיינען שטענדיג די גיהנום-מיילער —„הב הב אייתי"...

ו מסכת גיהנם, ע"ז ו"ז.

## ב.

### „גלות-אפּפּאַל‘—רופט עס דר. מלמד.

ווען א מענש ציהט איבער פון איין פּלאץ צו א צווייטען—ווי פאַרזיכטיג ער זאל ניט זיין אין איינפּאַקען זיינע כלים—ווען ער קומט אויפ׳ן נייעם פּלאץ כאַפּט ער זיך אז עטוואס פעהלט... און די פאַרצעלייענע כלים—טיילווייז צובראכן... מיר וואנדערען דורך לאנגע, פינסטערע נעכט... און אונזערע טייערסטע אוצרות האבען קיין „שמירה מעולה‘ ניט...

— — זאגאר אונזער טרייעסטער גלות באַגלייטער, דער וואַנדער-שטעקען, פאַרוואַנדעלט זיך אפט אין א שלאַנג...

אל נא רפא נא תחלואי גפן פריה
סליחות.

אונזערע גייסטיג כחות זיינען וויט ניט ערשעפּט... די צנורות אבער, וואס פיהרען ענערגיע-שטראמען מכח אל הפועל, זיינען אין גלות פארשלענגעלט און פארפּלאנטערט געווארען...דעריבער איז דער צער אזוי טיעף...

אן עקרה ליידט ניט ווען זי האט קיין קינדער ניט... עס איז די פּרוכטבארע וואס צעהרט און ליידט ווען זי האט קיין כח צו ברייננגען קינדער...

דער אידישער פאָלקס-ארגאניזם איז אָנגע-לאָדען מיט פּראָדוקטיווע, לעבעדיגע כחות וואס רייסען זיך צום געבורט—

„וכח אין ללדת"...

„די קראנקהייטען פון א פרוכטבארען וויינ-שטאק"...

הרחמן, הוא ישבר עלנו מעל צוארנו והוא יוליכנו קוממיות לארצנו.

ברכת המזון.

א פאָלק א גאנצע איינגעבויגען...

און איינגעבויגענקייט איז אן איינלאַדונג צו יעדע „רגל גסה“—קום און טרעט!...

— — הלואי וואָלטען מיר, איינמאָל פאר אלע מאָל, באַגריפען: אז נערוועזיטעט איז ניט קיין גאונות... אז בלאַסקייט איז ניט קיין אצילות... אז בטלנות איז ניט קיין יחוס... און אז איינגעבויגענקייט איז ניט קיין מאַרטירער-טהום...

—א פאָלקס אפעראציע דארפען מיר... זיך אויסגלייכען די רוקענס, און ווערען גלייכע, שטאָלצע, גאוה'דיגע אידען...

און אנדערש קאָן דאך עס ניט זיין. מיר מוזען דאך געהן „קוממיות לארצנו“...

גלות האט אפגעשטעמפעלט געוויסע צער-שטריכען אין דער אידישער פיזיאגאמיע...

אידען האבען א כאראקטעריסטישען „אוי״ וואס קיין „אומה ולשון״ פארמאגט עס ניט...

„והנה נער בוכה—ותאמר מילדי העברים הוא זה״...¹

פיעלע אידען האָבען זאגאר זיך אויסגעוועבט אין גלות א ראמאנטישען צער-געוועב וואס איז מיט דער צייט געוואָרען כמעט אן איינגעביל-דעטער אידעאל...

דער אידישער צער איז אבער באמת, ניט קיין סתם-שטימונג, נאר איז שטענדיג באגלייט ביי א געוויסע סבה...

ניט אומזיסט בויגט אַ פאָלק די קאָפּ, באַדעקט מיט אַש, אום „חצות״...

ניט אומזיסט וויינט א פאַרשעהמטער גאָט „במסתרים״...

— — דער אידישער צער איז דורך די דורות אזוי פארטיעפט און פאַרשאַרפט געווארען אז אפילו דער פערזענליכער צער ווערט דערהוי-בען צו א פאָלקס-צער...

¹ מרומז בספרי חסידים

דריי־און ־צוואנציג

עס איז אבער דער אידישער שמייכעל וואס האט דערהויבען דעם אידישען פאלקס-צער צו א וועלט-צער...

ווען אדם איז איז ארויסגעטריבען געווארען פון גן-עדן — דערציילט די אגדה — האט גאָט איהם מיטגעגעבען אין זיין טיפען עלענד, א טייערע מתנה. א טרער... און — ווען אידען זיינען פארטריבען געוואָרען אין גלות — ווילט זיך וועבען וויטער די לעגענדע — האט גאט זיי מיטגעגעבען אין זייער אונענדליכע פארצווייפלונג, א ליכטיגע מתנה — א שמייכעל...

דער אידישער שמייכעל דרינגט אזוי ווי א מאגנעטישע נאדעל אין דעם תהום פון אונזער לעבען, און ציהט אַרויס גליהענדע צער-טרערען און — פאַרוייהט זיי אין דעם ברייטען וועלט-חלל.

דער אידישער צער ווערט א וועלט-צער וואס ברייכט די הויכע הימלען.

די זון פארגעהט אין מערב-זייט, ווייל די שכינה איז דאָרט איינגעוויקעלט אין טרויער אויף דעם צער פון גלות...

# אויפ׳ן שוועל פון גאולה.

„ברוך שהחינו״!

דער דור וואס האט טראגיש צוגעקוקט ווי ווירקליכקייט ווערט חלום... האט זוכה געווען צו זעהן ווי חלום ווערט ווירקליכקייט...

דער דור וואס האט מיט צער צוגעקוקט ווי א פאלק ווערט געשליידערט אויפ׳ן שוועל פון קבר, האט זוכה געווען צו זעהן ווי א הימלישער תחיה-גייסט שטעלט אוועק דאס פאלק אויפ׳ן שוועל פון גאולה...

פינף־און ־צוואנציג

אויב איהר ווילט איז עס ניט קיין לעגענדע
דר. הערצל.

צו איהר ווילט, צו איהר ווילט ניט, עס
איז ניט מעהר קיין לעגענדע    נ. כאקאלאוו.

אמת. עס איז ניט מעהר קיין לעגענדע, עס איז א ווירקליכקייט. עס איז אבער נאך אלץ א גרויסער חלוק צו איהר ווילט, צו איהר ווילט ניט...

אויב איהר ווילט—איז עס א גרויסע ווירקליכקייט, א זוניגע ווירקליכקייט—אן אפשפיגלונג פון אונזער גרויסען און ליכטיגען חלום...

און אויב איהר ווילט ניט, איז עס אויך א ווירקליכקייט, א גרויע ווירקליכקייט, אן איינגעשרומפענע ווירקליכקייט, וואס פילט ניט אוים דעם ברייטען היקף פון אונזער גאולה-חלום...

די גאולה קלאפּט אין דער אידישער טיהר, נאָר אונזערע טיהרען זיינען אפּט פארמאכט...

און—עפּענען מיר א טיהר פאַר אן „אליהו״ איז עס נאר דאַן ווען דער לעבען איז שוין פול מיט גאַל און גיפט און פון האַרצען רייסט זיך ארויס דער פאַרביטערטער—„שפוך חמתך על הגויים״...

יתגבר כארי לעמוד בבקר לעבודת הבורא.
או״ח ס׳ א,

וויל מען אבער אויפשטעהן ווי א לייב,
דארף מען זיך לייגען ווי א לייב...

לייגט מען זיך ווי א שרעקעדיגער האָז—
ווי קאָן מען אויפשטעהן ווי א לייב?...

— — ווילען מיר ערשיינען א לייבען-פאלק אין אונזער לאַנד, מוזען מיר שוין צייגען סימנים פון לייבען-גבורה דא אין גלות...

זאלען אונזערע הכנות ניט זיין באַגלייט מיט ספקות, זאל אונזער גלויבען ניט זיין געדונקעלט מיט יאוש.

י ר׳ ירמי׳ צוה הלבישוני כלי לבן הפותים הלבישוני דרדסים תנו סנדלים ברגלי ומקל בידי ותשכבוני על צדי אם יבוא משיח הריני מוכן׳...

ס׳ארא טיעף געווארצעלטער ,אני מאמין׳...

ו ירושלמי כלאים פ״ט.

ויחזו בך זקנה ובחרות ושער ראשך בשיבה ושחרות

שיר היחוד.

זאל אונזער פיזיאנאמיע אָפּשפּיגלען אין זיך דאס געטליכע...

זאלען אונזערע מעשים טראגען דעם כאַראַקטער פון עלטער אין יוגענד און יוגענד אין עלטער... זאל שווערע פאַראַנטוואָרטליכקייט, ערנסטער אחריות, זיין דורכגעדרונגען מיט יוגענדס-אמביציאָן און אונטערנעהמונגסגייסט...

לאָמיר ניט קוקען אויף ציון דורך א טעלעסקאָפּ—איין אויג פאַרמאַכט צו אלע מכשלים אין וועג... און די אנדערע אויג זעהט ווייטע האָריזאָנטען האַנד-גרייכענד דערנעהנטערט..

מיר מעגען עס וויסען, אונזער וועג איז פול מיט מכשלים, נאר באשלאָסען זיינען מיר.

זאָלען בעסער דערנער רייסען אונזער פלייש אויף דעם פרייהייטס-וועג, איידער פרעמדע בלומען זאלען אונז שמייכלען אויף די גלות-שטעגען...

איין-און-דרייסיג

ניטא קיין ,רעזערוואד סיטס' פאר אידען אין ארץ ישראל...

אידען זיינען איינגעוואהנט צו האָבען א ,רעזערוואד סיט' אין שוהל—א ,מזרח-שטאט'...

קומט עס אבער צו א שטאט אין מזרח—לאָמיר א פריהער בויען די מזרח-וואנט אין אונזער לעבען...

ה׳ עז לעמו יתן ה׳ יברך את עמו בשלום
תהילים כ״ט.

עס פעהלט דער שטארקער אויטאריטעטען־טאָן אין אונזער לעבען, עס פעהלט דיסציפּלין.

דיסציפּלין אָן פרייהייט איז קנעכטשאפט... פרייהייט אָן דיסציפּלין—כאַאָס...

אונזער דיסציפּלין דארף זיין א צוזאַמענ־גיסונג, אַ צוזאַמענשמעלצונג פון כחות, אין איין ווירקענדען, שאפענדען כח אין אידישען לעבען...

יעדער אינדיווידועלער כח, דעריבער, מוז זיין גאַנץ און פריי אין זיך און פאר זיך...

א פּגימה אין דעם יחיד׳ס כח וועט אָפּ־שפּיגלען א פּגימה אין דעם פאָלקס־כח...

מיר דארפען פיהרער, מיר דאַרפען נאָכ־פאָלגער, אבער ניט קיין „קופּצי־בראש״ און ניט קיין נאָכשלעפּער...

ווען מיר וועלען געבענטשט ווערען מיטאוי־טאָריטעטען־קראַפט, וועט ממילא אויך קומען די ברכה פון שלום—די ברכה פון אחדות...

הנני שולח לכם את אליה הנביא לפני בוא
יום ה׳ הגדול והנורא מלאכי ג׳.

א.

אליהו, דער פייערדיגער קנאי פאר דעם גאט פון סני, איז נאך ביי זיין לעבען געוועזן דער סימבאל פון קלארקייט, באַשטימטקייט און גאנצקייט, „עד מתי אתם פסחים על שתי הסעפים״—איז געוועזן זיין כאראקטעריסטישער אַרגומענט.

און די זעלבע מיסיאן האט דאס פאָלק איהם אַנפארטרויט נאך זיין מיסטעריעזען פארשווינ-דען...דער מאקסים אין תלמוד— „יהא מונח עד שיבוא אליהו״—כאראקטעריזירט די פּרינציפּען-פעסטקייט, די אורטהייל-קלארקייט, און די אויטאָריטעטען-קראַפט פון אליהו...

אליהו, דער מבשר הגאולה, דארף בויען דעם האַרצענס-בריק פון עלטערען צו קינדער און פון קינדער צו עלטערען...

אליהו דארף מכשיר זיין דעם דור פאר גאולה... זיין מיסיאָן איז א שווערע, אָבער א קלאָרע, א פעסטע, „לרחק את המקורבין בזרוע ולקרב את המרוחקין בזרוע״...

(מסכת עדיות. פרק ח׳.

פיר־און־דרייסיג

ב.

ביי זיין לעבען האט ער געהאַלטען דעם שליסעל פון רעגען אין זיינע הענד, און ביי זיין מיסטעריעזען פארשווינדען האט ער איבער־געגעבען דעם שליסעל פון דער אידישער פאָלקס־נשמה...

— — אין מאָמענטען פון נאָגענדע ספקות ווען עס לאָזען זיך אויס די קבלה'יסטישע (ווי אויך די פּאָליטישע...) „גמטריאות" און „נוטריקון" וועגען דעם ענדליכען „קץ"... נויגען מיר דעם אויער צו דער פארנעבעלטער ווייטקייט... און עס דאַכט זיך... מיר הערען זיינע טריט...

„מה נאוו על ההרים רגלי המבשר"...

...ושבו בנים לגבולם
ירמי' ל"א.

זיי וועלען קומען צוריק—די וואגלענדע, די בלאָנזשענדע...

צו מיר אליין וועלען זיי צוציהען מיט זיידענע פעדים פון ליעבע, צו פרעמדע וועלען זיי שטויסען מיט נעקנוילטע פויסטען פון שנאה און פאָראורטהייל, זיי וועלען קומען פארפיינקטע אויסגעלייטערטע, אמת'ע בעלי-תשובה...

זיי וועלען קומען—אַ פריהער צו זיך אליין, —ווארום אויך פון זיך אליין זיינען זיי דאָך אנטלאָפען—און נאכהער צו אונז...

זעקסי־און ־דרייסיג

...והפכתי אבלם לששון...
ירמי׳ ל״א.

אין דער נאטור זעהט מען אז צער איז פיעל
ברייטער, טיפער און שטארקער ווי שמחה...

און אויב צער אין אלגעמיין, איז טיפער
ווי שמחה, איז דער צער פון גלות תהום-טיפער...

— ווען קאָן שמחה אָויספילען די ברייטע ראמען
פון צער? ווען דער צער זעלבסט זאל פארוואנ-
דעלט ווערען אין שמחה...

„והפכתי אבלם לששון״—ווען דער „אבל״
זעלבסט וועט ווערען „ששון״— ערשט דאן וועט
קומען די פולע נחמה...

# דאס ליכט פון יודענטהום.

והלכו גוים לאורך ומלכים לנגה זרחך
ישעי׳ ס׳.

דאס ליכט פון יודענטהום שטראםט אזוי ווי דאס ליכט פון דעם בית המקדש — דורך „שקופים-אטומים׳-פענסטער...

און איז דעריבער קיינמאָל קיין „אור-מתעה״ נישט געווען...

אונזערע נביאים האָבען געזוכט און געפונען דעם אמת נים בײ דאס ליכט פון א לאמטערען (ווי א דיאגאנוס...) נאר בײ דאס ליכט פון זייערע נשמות...

דאס ליכט פון יודענטהום—דאס ליכט פון אמת און שלום...

כי מציון תצא תורה ודבר ה׳ מירושלים
ישעי׳ ב׳.

א.

פיעלע אידען רעכטפערטיגען גלות מיט א מיסיאָן אידעע...

דאס זיינען אידען וואס האבען ליעב מקדש צו זיין די לבנה דורך אייזערנע תפיסה-גראטעס...

„כי מציון תצא תורה״—איז אויך א מיסיאן, א מיסיאָן וואָס רעכטפערטיגט אונז ניט צו פארבלייבען א סטאַדע בלאנזשענדע שעפסען וואס האלטען זיך צוזאמען נאר א דאנק די כלבים-שומרים...

די גלות-מיסיאָן האט נאך ניט באַוויזען צו זיין דער „עמוד הענן״ וואס זאל פאַרטעמפען די גיפטיגע פיילען וואס ווערען געשליידערט אין אונזער מחנה... די ציון-מיסיאָן איז און וועט זיין דער „עמוד האש״ וואס וועט אונז פיהרען, מיט קאָנצענטרירטע כחות, „אל המנוחה ואל הנחלה״...

ב.

ניין, ניט מיסיאָן איז אונזער לעבּען, נאָר לעבּען איז אונזער מיסיאָן...

דער זעלבּער מלאך וואס איז גוזר אויף דאס גרעזעל עס זאָל וואקסען, אויף דאס בּלימעל עס זאל בּליהען, שטעהט איבּער דעם קאָפּ פון דאס אידישע פאלק און איז גוזר „על כרחך אתה חי...

מיר טראגען דאס יודענטהום אזוי ווי א ציערונג
מאקס נארדוי.

א ציערונג — זאל אָבער דאס יודענטהום ניט ווערען די גאלדענע קייטעל וואס פאַר-בליאַסקעט פרעמדע אויגען... און — קאן זיך פאַנאַנדערריינגלען ווען מען וויל...

און ווען עס דריקט צו א שווערער פאָלקס-חוב, עס נאר אפשטעקען ערגעץ אין אן אינטער-נאַציאָנאלען „פאַון שאפ״...

א ציערונג—וואס ציערט און פוצט דעם אינערליכען וועזען, א ציערונג—וואס באשט-ראַהלט און באַלייכט די טיפסטע טיפענישען פון דער אייגענער נשמה...

א ציערונג...

...תתחדש כנשר נעוריכי
תהילים ק״ג.

אמאָל האָבּען מיר געהאט „גוטע אידען״,
היינט האָבּען מיר נייע אידען...

די טראַגי־קאָמעדיע האט שוין דערגרייכט אזוי ווייט אז אפילו ווען א איד ווערט אינגאנצען אוים איד ווערט ער אויך א נייער איד...

וואס מיר דאַרפען באמת, איז ניט קיין נייע אידען, נאר בּאַנייטע אידען... אידען מיט מעהר פשטות, מעהר תמימות, מעהר געזונטקייט— פון גוף און נשמה... און דעם טיפּ איד וועט שאַפען, ניט דער גלות נאָר ארץ ישראל...

לעבען זאל דער אידישער מח.

אן איד פשט'לט אויס מיט דער זעלבער פלינקייט אז ,המן' איז ,מן התורה' און ציוניזם שלא ,מן התורה'...

,מה ענין שמיטה אצל הר סני'—פרעגט דער זעלבער בעל מח. זעהר א נאָהענטע שייכות ר' איד, כל זמן ,המן' איז ,מן התורה', מוז ציוניזם אויך זיין ,מן התורה'...

און אפשר—

ווען ציוניזם וועט ווערען ,מן התורה,, וועט אפשר ,המן' ווערען ,שלא מן התורה...

מכנף הארץ זמירת שמענו צבי לצדיק ואמר
רזי לי רזי לי אוי לי בגדים בגדו ובגד בוגדים
בגדו
ישעי׳ כ״ד.

א ווייכער, מילדער ווינד וואס צוטראגט די דופטיגע ריחות פון בליהענדע פעלדער, האט געבראכט די מעלאדישע לויב-געזאנג פון דער וועלט צו דער שטענדיג געקריוודעטער פאלק פון ישראל...

צבי לצדיק...

און שטיל האבען געמורמעלט די ליפען.

רזי לי רזי לי...

א הייליגער סוד הענגט אין דער לופטען... דער סוד פון גאולה... נאר פלוצלונג... און אויפגעשטורעמט האבען די דינסטע פעדים אין דער אידישער נשמה...

און א פארביטערטער וועה געשריי האט אפגעקלונגען צווישען הימעל און ערד.

אוי לי בגדים בגדו...

— — אייגענע פאררעטער—וועה צו דער שאנדע. „מהרסיך ומחריביך ממך יצאו״...

ת״ר בזמן שישראל שרוין בצער ופירש אחד מהם באין שני מלאכי השרת שמלוין לו לאדם ומניחין לו ידיהן על ראשו ואומרים פלוני זה שפירש מן הצבור אל יראה בנחמת צבור תענית י״א.

דאס איז ניט קיין קללה, נאר א פסיכאָלאָ-גישער אמת. ווייל נאר דער יעניגער וועמעס הארץ עס קאָרטשעט זיך אין דעם פיין פון פאלק, אין דעם צער פון פאָלק, קאָן פיהלען ווען עס נויגט זיך דער ישועה-בעכער און עס פאַלען טראָפּענס נחמה אזוי ווי טראָפּענס טהוי, אויף דער פארוואונדעטער אידישער הארץ...

גאנץ אנדערש איז עס מיט דעם יעניגען וואָס האט פאַרראַטען זיין פאָלק אין שווערען קריזיס—ער טראגט זיין שטראף אין זיין אייגענע בלוט...

מעגען זיך נייע הימלען שפּרייטען איבער די קעפּ, א נייער באדען ציהען אונטער די פיס, און א הערליכער יום טוב הערשען אין דער לופט—ער וועט פאַרבלייבען א עלענדער, א פרעמדער, זיין נשמה וועט ארומבלאנדזשען אין דעם ברייטען רוים און וועט קיינמאל קיין תקון ניט געפינען...

פינחס-און-פערציג

א.

## עבר און עתיד.

אנדערע אידען פאַרעהרען דעם אידישען עבר אבער גלויבען ניט אין דעם אידישען עתיד אנדערע פאַרקערט, זיינען מבטל דעם אידישען עבר, קוקען אבער האָפנונגספאל צו דעם אידישען עתיד.

און ביידע בליקען זיינען פונדאמענטאל פאַלש, מעג עס קלינגען פּאַראַדאָקסאַל, דער אידישער עבר איז דער אידישער עתיד און דער אידישער עתיד איז דער אידישער עבר.

ווי צוויי שפּיגלען שטעהן זיי איינער אנט-קעגען צווייטען און רעפלעקטירען גלייכצייטיג איינס און דאס זעלבע...

ב.

אונזערע שעהנסטע אידעאלען, חלומות און האפנונגען וואָס זיינען ניט ערפיהלט געוואָרען אינ׳ם עבר, זיינען נדחה געוואָרען צו דעם עתיד. דער גרויסער משיח-אידעאל קאָן דינען אלס א קלאָרע אילוסטראַציע.

אָט איז ערשיענען א „שבתי-צבי״—א פאַלשע ליכט פון א לעגענדאַרישען אוצר וואס האט גע-כשופ׳ט און געצויגען מיט א מיסטעריעזען כח אידען פון אלע ווינקלען פון גלות... און—ווען דאס פארפיהרישע ליכט האט זיך גענומען טוקען און לעשען, און—איז פארלאָשען געוואָרען... האט דאס פאָלק שפעטער באַשטעטיגט, פאלשע משיחים האָבען מיר געהאט אין אונזער לעבען אבער קיינמאל קיין פאַלשע האָפנונגען און חלומות... און משיח איז פאַרבליבען דער ליכטי-גער אידעאל—משיח דער „גואל האנושי״ וואס דארף ברייגגען דעם „טל של תחיה״ און דעם „סם של חיים״ פאַר א ליידענדע וועלט...

ג.

אנדערש ווי יהושע אמאָל וואס האט אָפּ־
געשטעלט אַן אונטערגעהענדע זון אין הימעל,
האָבּען מיר ארויסגעצויגען גוסס'דיגע זונען־
אידעאַלען פון שקיעה־פּלאמיגע מערב'ס און זיי
געווארפען אין דעם ווייטען הימעל פון עתיד
און דארטען האבּען זיי אויפגעששטראַהלט אויף
דאס ניי, אין פולען פראַכט און גלאַנץ...

אונזער עבר האט אוועקגעליהען זיינע בּרי־
ציגסטע דימענטען צו דעם עתיד, און דער
עתיד, א הערליכער „שואל' היט זיי טריי און
אויפריכטיג פון „אונסין'...ווי הערליך עס קלינגט
די אגדה אין תלמוד „אבן טובה [מרגלית]
היתה תלויה בצוארו של אברהם אבינו שכל
חולה הרואה אותו מיד מתרפא ובשעה שנפטר
אברהם אבינו מן העולם תלאה הקב'ה בגלגל
חמה'...

אונזערע אידעאלען־דימענטען דונקלען
קיינמאל ניט... זיי לייכטען און שיינען פאר דער
וועלט דורך דער זון...

זונען אין זונען...

אבּא־און ־פערציג

וגם את הגוי אשר יעבדו דן אנכי ואחרי
כן יצאו ברכוש גדול          לך לך, בראשית.

א.

אנטיסעמיטיזם.

אז דאס אידישע פאָלק איז דער „שעיר-לעזאזל", פון דער וועלט איז אן אלטער אנגענו-מענער אמת. אויף א וויסענשאפטליכען אופן קאָן זיך עס ערקלערען אזוי.

אין דער וועלט קלייבען זיך אָן, פון צייט צו צייט, שעדליכע באצילען פון קנאה, כעס, שנאה, נקמה א. ד. ג. וואס רעגען דאס בלוט צו בייזע טהאטען.

דאס אידישע פאלק שוואכער ווי אנדערע פעלקער איז ראוי („סאָסעפּטיבל") צו יעדע קראנקהייט... און טרינקט דעריבער, שוים און הייוועז, פון יעדען „כוס התרעלה"...

— אנטיסעמיטיזם איז אבער דער „טאַקסין" וואס פראדוצירט געגונג „אנטי-טאקסין" אין דאס אידישע בלוט...ווידערצושטעהן און באקעמפען יעדע אטאקע...

ב.

„וגם את הגוי אשר יעבדו דן אנכי״—און דער משפט איז פון א זעלבסטמערדערליכען כא-ראקטער...אנטיסעמיטיזם איז אַנטי-הומאַניזם... ווייל אַנטיסעמיטיזם איז דער באַצילען-פיהרער פון זינד און פאַרברעכען...

וואס אנבעלאנגט דאס אידישע פאָלק—זיי וועלען ארויסגעהן פון יעדען גלות „ברכוש גדול״—מיט אן אונגעהויערע מאָס פון „אנטי-טאקסין״ אין דאס בלוט...און דאס וועט זיי היטען און באַשיצען אויף זייער שווערען, שטרויכלענדען וועג געגען ווילדע אַטאַקעס און בייזע אָנפאַלען...

„ברכוש גדול״...

דאקטוירים טאַפּען דעם אידישען דופק.

אנטיסעמיטען („קייראָפּראַקטאָרס״) דער-מאָנען, דער איד איז א „קשי-ערף״... מען דארף ווייכער מאַכען זיין „חוט השדרה״...

פרומע גויים און פרייע אידען הייסען „משנה השם״ זיין...

און די וועלט, די ברייטע וועלט, איז נאָך אַלץ קאָנסערוואַטיוו און האלט שטאַרק פון דעם אַלטען, פּרימיטיווען מיטעל—

—„הקזת דם״...

— —דער חולה נעמט צו ביסלאַך פון יעדען מעדיצין... די דאָקטוירים שאָקלען דערביי מיט די קעפּ, מעהרער... א ביסעלע מעהרער... נישקשה, עס וועט זיין צו רפואה...

כי רק עם אחרון היהודי גם אחרית
תקותנו.

דער אָפּטימיזם קאָן נאָך גרייכען א העכע־רען קלימאקס, ,מיט דעם לעצטען אידען איז די לעצטע האפנונג פון דער וועלט אלס וועלט׳...

און ניט די כח־לאזיגקייט פון דער וועלט פיהרט צו דעם קלימאקס, נאר די פעסטע אמונה אין דעם לעבענס־כח פון דאס אידישע פאלק.

דאס אידישע פאלק זייגט זיין גייסטיגע חיונה פון אייביגקייטס קוואלען, און—אייביג־קייט איז זיין גורל.

אזוי לאנג ווי עס וועט זיך ציהען א הימעל איבער׳ן קאָפּ, און פויגלען וועלען פליהען אין דער לופטען, אזוי לאנג וועט לעבען דאס אידישע פאָלק...

# ארץ ישראל.

שעהן איז דער לעבען ווען מען קאָן שטארבען אין ארץ ישראל. .

נאך שעהנער איז דער טויט ווען מען קאָן לעבען אין ארץ ישראל...

ניט קיין מציאה איז ארץ ישראל פאר דאס אידישע פאָלק.

ניט קיין מציאה וואס קומט „בהיסח-הדעת"...און „מטעם יאוש בעלים"...

ווייל דאס אידישע פאָלק האט קיינמאָל ניט אויפגעגעבן די האָפנונג אויף ארץ ישראל...

אזוי ווי א בלום רייסט זיך צו דער זון אזוי רייסט זיך דאס אידישע פאָלק צו ארץ ישראל...

ניין, ניט קיין מציאה און ניט קיין מתנה איז ארץ ישראל פאַר אונז, נאר א ירושה...

און—וועלכע אכזריות'דיגע האנד קאָן עס פארשוועכן א הייליגע ירושה וואס ציערט די נשמה פון א פאָלק „אזוי ווי א שם אין קדשי-קדשים, אזוי ווי א ספר אין ארון"...

הארץ אשר אתה שכב עליה לך אתננה ולזרעך
ויצא, בראשית.

עס איז ניט די קישען צוקאָפּעֶנס וואס ברייננט דעם געטליכען חלום...

טעג עס זיין א שטיינערנע צוקאָפּענס אויף דו אַטהעמסט נאָר דעם „ריח השדה" פון דיין לאַנד...רייסט זיך דאך אלץ דער אַמביציעז-יוגענדליכער, מענשליך - געטליכער חלום פון „סלם מצב ארצה וראשו מגיע השמימה"...

פּינחס־און־פּופּציג

ויתן לך האלקים מטל השמים ומשמני
הארץ תולדת, בראשית.

א.

## ערד און הימעל.

דער טיפער בענקשאפטס-געפיהל ציהט, אזוי ווי א קוואל ציהט צום ים—צו ביידע, צו דעם תכלת-הימעל, און צו דעם גאט געבענטש-טען באָדען...

„אפול לאפי עלי ארצך, וארצה אבניך למאד ואחונן את עפריך״—זינגט דער גרויסער משורר ר׳ יהודה הלוי אין גליהענדען בענקשאפט...

„מני אז שראיתי את שמי ארץ ישראל היפים אין אני יכל להביט ולראות שמים אחרים״—באקלאגט זיך א „חובב״ פון אונזער דור...

— — אונזערע זיידעס האבען דעריבער שטענדיג גע׳פשרה׳ט. האבען זיי ניט געהאנט אריבערברייגגען זיך צו ארץ ישראל, האבען זיי געבראכט עטוואס ארץ ישראל׳דיגעס צו זיך... און האט עס ניט געקאָנט זיין פון דעם בלוי-ליכטינען הימעל, איז עס געווען ווייסע זעמד-לאך פון דאס ערד...

ב.

און א סגולה איז עס געווען נעגען די ווערים נאכ׳ן טויט...

— — הלואי וואלטען מיר געקאנט אויך אריבערברייגגען צו זיך א ביסעל ,אוירא דארץ ישראל׳... וואלט עס אפשר געווען א סגולה נעגען די גייסטיגע ספק און יאוש-ווערים ביים לעבען...

לבי במזרח ואנכי בסוף מערב
ר׳ יהודה הלוי.

„ארץ־ישראל׳ איז געווען — פאר דעם גרויסען משורר—ניט נאר אַ סמיכות אין דקדוק, נאר אויך א סמיכות אין לעבען...

און—ווען די גרויסע און טיפע הארץ האט געקלאפט אין מזרח, האט זי געצויגען צו זיך דעם גוף פון מערב...

„מיין הארץ איז אין מזרח׳ — באשטעטיגט היינט יעדער איד.

די פראגע איז נאר פאר וואס ציהט זי ניט, די הארץ אין מזרח, דעם גוף—דעם גוף פון מערב?...

—איז די אידישע הארץ דארט אין מזרח, שוואַכער געוואָרען?...

אדער איז דער אידישער גוף דא אין מערב, צו מגושם׳דיג געוואָרען?...

אכט־אק־פופציג

„לשנה הבאה בירושלים"

ירושלים איז בײ אונז געװארען א מין „קרקעי דנײדי"...

אזוי האבען מיר זיך געשאַפען א „ירושלים דליטא", און מיט דער צײט אודאי האבען א ירושלים אין יעדע לאנד—אפילו אין אמעריקא...

— אָפט, װען איך בעט „לשנה הבאה בירושלים", טראַכט איך, „מיר אין ירושלים און ירושלים אין ירושלים"... לאמיר צו די אלע „ירושלים'ס" אויך האָבען א „ירושלים דירושלים"...

והסיר ה׳ ממך כל חלי—זה רעיון
ירושל׳ ב״מ פרק המקבל.

מען פאהרט זיך דורך אויף א טור קיין ארץ ישראל און מען ברייננט מיט זיך אויף צוריק, א גרוס.

„מאלאריע אין ארץ ישראל״

„אויגען-קראנקהייט אין ארץ ישראל״...

— איז דען ארץ ישראל אַ כלה וואס מען פאָהרט איהר בלויז אנקוקען?. .

איבריגענס, ווען מען קומט ניט מיט „אויגען-קראנקהייט״ אין ארץ ישראל, פאָהרט מען ניט אָפּ מיט אויגען-קראַנקהייט פון ארץ ישראל...

אונזער לעבען אין גלות איז דער בוים וואס האט ווייניג וואָרצלען און אַ סאַך צווייגען, און בויגט זיך דעריבער, מיט יעדען „רוח מצויה"...

אונזער לעבען אין ארץ ישראל וועט זיין טיעף געווארצעלט, אויב נים אזוי ברייט פאר-צווייגט אין די ערשטע יאהרען פון בנין...

אונזער גאנצע ענערגיע פארזינקען מיר יעצט אינם באדען...

אונזער ריעזיגע ארבייט איז אפשר יעצט נים אזוי בולט, די שפעטערע דורות וועלען געפינען אן אונשעצבארען אוצר אינם באָדען...

אם תהיה (הציוניות) הכל, אז תצליח
הלל צייטלין.

איך האב מורא אז אין ארץ ישראל וועל איך מוזען ארויסגעהן פון די ,ד׳ אמות של הלכה׳ — האט מיר אמאָל א בית-מדרש-איד געזאגט כמעט מיט פארצווייפלונג.

און איך האב געענטפערט:

איהר פארגעסט אבער ר׳ איד, די ברייטע געלעגענהייט וואס איהר וועט דארט האבען ארויסצוגעמען אויך ,הלכה׳ זעלבסט פון די ,ד׳ אמות של הלכה׳ און צייכענען פאר הלכה דעם ברייטסטען און דעם טיעפסטען קרייז אין אייער לעבען. עס איז ניט נאר דעם שבת און יום טוב וואס איהר וועט קריגען צוריק אין ארץ ישראל, נאר די שבת׳דיגקייט און די יום טוב-דיגקייט פון אלעם שעהנעם און הייליגעס וואס עס איז וואכעדיג געווארען אין אונזער לעבען... מיר ווילען דארט ניט מעהר קאפירען אמת׳דיג א וועלט וואס האט אונז קאָפירט פאלש... א מוסטער לעבען פון שעהנקייט און גאַנצקייט ווילען מיר שאפען אין ארץ ישראל...

צווי־און־זעכציג

## די וועלט און אונזערע האפנונגען.

ענגלאנד איז יעצט אונזער סנגור, א סנגור אבער איז נאך ניט קיין „גואל"... און אפילו יעצט, לאמיר ניט ווארפען אונזערע משה'ס אין טייך און בלויז זיך פארלאָזען אויף דעם חסד פון א „בת פרעה"...

דער תמצית פון אלע הבטחות וואס די וועלט האט אונז געגעבן איז — געלעגענהייט. טאָ לאמיר געדיינקען, ניט די געלעגענהייט האט געוואַרט אויף אונז נאר מיר האבן געווארט אויף דער געלעגענהייט...

—פאר יאוש זיינען מיר אינם יעצטיגען מאמענט, ,עתיד ליתן את הדין׳... און פאר התלהבות (בלויז התלהבות-אן מעשים) ,עתיד לקבל רחמים׳... און פון רחמים קאָן אפשר א יחיד געבויט ווערען אבער ניט א פאָלק און ניט א לאַנד.

דאס אידישע פאָלק טאָר יעצט ניט גע-וואָרפען ווערען ,משערי גאולה לשערי רחמים׳...

די שפעטערע דורות וועלען עס אונז קיינ-מאָל ניט מוחל זיין...

**עס האט פּאַסירט.**

די וועלט, יונג-אַסכּיציעז, וואולקאַן-שטורמדיג, מאַכט-דורשטיג, האט ארויפגעשטייגט דעם „מארס-הר-עיבל"... זיך איינגעוויקעלט אין א שווארצען, פינסטערען וואָלקען און ארויסגעדונערט דעם מעכטיגען, הימעל און ערד אויפציטערענדען „ארור"!... און— דער גיהנם האט געענטפערט, „אמן"!...

עס האט פּאַסירט.

די וועלט, ווילענלאז, כח-לאז, בּלוטלאָז, האט נאך לאנגע מאטערניש ארויפגעקלעטערט דעם ‚ווערסייל-הר-גריזים׳...און מיט דער ליעבּע פון א וואַקלענדען שכור געוואָלט אויסשרייען דעם זונינען ‚בּרוך׳...און — איז אראפּגעפאַלען פון בּארג...

עס האט פּאַסירט.

די וועלט, איינגעפּאַנדאַזשירט אין רצועות פון נדרים און הבטחות, האט גענומען קנוילען דעם פויסט זיך צו שלאָגען „על חטא"... און — באַלד טאַקע פּראָקלאַמירט דאס אידישע פאָלק אלס „די האַרץ פון דער וועלט"...

עס האט פּאַסירט.

די וועלט, האלב אויסגעניכטערט פונם ווילדען בלום-שכרות, האט אויפגעהאנגען א רעגנטנבויגען אויף דעם אידישען הימעל... א רעגענבויגען פון שעהנע פארבען, רייכע קאלי-רען, נאך דעם גרויסען מבול פון בלוט און טרערען...

— — מיר קוקען אויף דעם פאַרבענרייכען רעגענבויגען פון הבטחות און יעודים און פון הארצען רייסט זיך ארויס, אין טיפער כונה, די ברכה „זוכר הברית'...

א מבול פון פייער און בלוט האט געשמאל-
צען דעם אלוועלטליכען שלום-גלאָק.

און געמיינט האָבען מיר, אט קומט דער
ריינער, געלייטערטער קלאנג פון שלום... און—
פאַלשע טענער...

— ווען די הארמאטען-שפראַך האט
נעקראכט איבער די בלוטיגע שלאַכט-פעלדער,
האט די וועלט פארשטאנען—אָט דעם אינטער-
נאציאָנאַלען לשון...

נאר קוים זיינען די גיהנם-מיילער אנטשווי-
גען געוואָרען און די פעלקער האָבען זיך גענו-
מען שרייבען „שלום לאהובי בריוועלאך" אין די
ציוויליזירטע שפראַכען, איז געקומען אויף דער
וועלט א הפלגה-פארפלאָנטערניש...

— די וועלט שווייגט ריידענדיג און רעדט
שווייגענדיג...

...שלום שלום ואין שלום
ירמי׳ ו׳

די פעלקער פון דער וועלט האָבען דער־גרייכט א הויכע מדרגה. אנשטאט צו זיין בלויז סענטימענטאלע ,אוהבי־שלום׳...זיינען זיי גע־ווארען ,רודפי־שלום׳... מען יאָגט פשוט נאָך די ווייס באַפליגעלטע שלום־טויב, און זי האַלט אין איין לויפען פון איין שלום־טעמפעל צום צווייטען...

— — שוין מעהר ווי זיבען יאהר ווי עס פלאקערט דער מלחמה־קאַלך־אויווען צווישען פאָלק און פאָלק, און נאך איז ניט ארויסגע־שפרונגען דער ,סלמנדרא־שלום׳ וואס זאל פאר־היטען די וועלט פון ווייטערע פייערען...

...ובנו ממך חרבות עולם
ישעי׳ נ״ה.

די וועלט איז רואינירט און פאר׳חורבן׳ט.

די פארשיעדענע ,ליענס׳ און ,טריטים׳ זיינען בלויז ווייכע קישענס אונטער דעם צו-בראָכענעם, פאַרבלוטיגטען וועלט-שאַרבען... די וועלט וועט זיך ניט ערהאלען פון איהר פירכטליכען בלוט-שטאַרץ, כל זמן זי וועט ניט אננעהמען דעם אונקאמפראמיסליכען שלום פון ישעיה...

,וכתתו חרבותם לאתים׳...

— — די גרויסקייט פון דער נבואה באַ-שטעהט, ניט נאר אין דעם וואס דער דעסט-רוקטיווער כח וועט מעהר קיין שליטה ניט האָבען, נאר אין דעם וואס דער דעסטרוקטיווער כח ווערט זעלבסט א קאנסטרוקטיווער כח...

- —דאן, נאר דאַן, ווען יעדע ,כלי-משחית׳ וועט ווערען א בויענדער אינסטרומענט וועט די וועלט איהר תקון געפינען...

אייךאון ־זיבעציג

# די אידישע אייראפּא נאך דער מלחמה.

(אויסצוגען פון א רעדע וואס איך האב געהאלטען אויף א פּראטעסט־פארזאמלונג געגען די שרעקליכע שחיטות אויף אידען אין אוקראינא און פוילען.)

אויב אייראָפּא איז יעצט בּלוט-אָרים איז די אידישע אייראָפּא יעצט בּלוט-לאָז... א זקנה איז אויף אונז ארויפגעשפּרונגען. טיפע קנייטשען אין די שטערענס און נאך טיפערע קנייטשען אין די נשמות...א פאָלק אַ גאַנצע איז ווי „בין-לילה׳ פון גרוי, ווייס געוואָרען...

צווי־און־זיבעציג

...חבי כמעט רגע עד יעבור זעם
ישעי׳ כ״ו.

אונזער בלוט איז הפקר, און ברויזט אויף פאר אונזערע אויגען — אין מאמענטען פון ווילדען צער — דאס פארגאָסענע אידישע בלוט פון דורות און רופט, און וועקט סמבטיון-דיג פאר נקמה... דערשטיקען מיר דעם גליהענדען נקמה-געפיהל אין הארצען, און אויף די ביז בלוט פאַרביסענע ליפען שוועבען ארויף די ווערטער פונם גרויסען משורר ביאליק:

„נקמת דם ילד קטן
נקמה כזאת עוד לא ברא השטן׳...

און מיר ווארטען... ווארטען אין אַנגסט און אין פחד... ביז... ביז טעמפ ווער ווערען די האַק... פגום — דער חלף...

דרוי־און ־ זיבעציג

...בדמיך חיי
יחזק׳ ט״ז.

בדמיך חיי—איז דאך נאר א נסים׳דינער מצב אין לעבען... נארמאל איז עס דאך אז א פאלק זאל לעבען מיט זיין בלוט און ניט אין זיין בלוט...

ונלתה הארץ את דמיה ולא תכסה עוד על
הרוניה ישעי׳ כ״ו.

### א.

פאַגראָמען... שחיטות... קרבנות... ניט
פארצווייפעלט אידען, הויבט אויף די אויגען—
איהר זעהט?

א שנעעלע וועהט...

ווייסע הבטחות—בלימלאך, זיידענע חלומות
—קווייטלאך, לייכטע פאנטאזיע-פעדערלאך...
א ווייסע לייאך שפרייט זיך איבער די בלוטיגע
פעלדער...

א ווייסע לייאך וואס וועט אלעם פאַר-
הילען, אלעם פארדעקען, אפילו בלוט... און
ווער רעדט שוין שטיינער...

א שנעעלע וועהט...

און וואו דאס אויג גרייכט, אין די ווייטסטע
האריזאנטען, פינקעלט עס, גלאַנצט, שעמע-
רירט, שפיגעלט זיך אנטקעגען די ליכטיגע
זונענשטראהלען...

ב.

עס קומט אבער א מאמענט, און עס בלייכט דער שעהנער חלום... דאס אויג דרינגט טיפער... טיפער... און עס דאכט זיך, דער ווייסער שנעע-ליילאך הויבט זיך אויף אזוי ווי א טהוי אונטער א מאָרגען-זון...

און צוריק אנטפלעקען זיך פאר די אויגען, קברים-פעלדער פון הרוגים...קרבנות...קדושים... און עס קריצען די ציינער, און עס קנוילט זיך דער פויסט...

„יתומים היינו״...

און יתומים קאָנען ניט מוחל זיין... בפרט בלוט...

„ונקיתי דמם לא נקיתי״...

## „ברוך משנה עתים״.

(לויט רויזענבלאט׳ס א ליעד)

עס טרעפט, א שעהנער זומער טאָג, די זון לייכט און ווארימט אזוי ליעבליך... אזוי צערטליך...

און פלוצלונג—

גרויסע, קיילעכדיגע טראָפּענס רעגען קייק-לען זיך אויף דיין פּנים—און די זון? די זון לייכט און ווארימט אזוי ליעבליך... אזוי צערטליך... און טריקענט דעם רעגען... דעם נאסען...

—דו גערסט מיט ברייט געעפענטע אויגען וואס שטוינען און פרעגען, א „זון מיט רעגען״?... „א זון מיט רעגען״?...

— — — — — — — — — — — —

דער אידישער לעבען אין די לעצטע יאָה-רען פון ליידען און האָפען...

# אונזער פליכט.

פליכט איז זעהר א ברייטער באַגריף.

עס איז די פליכט—ביים יעצטיגען מאמענט —פון יעדען יחיד צו ראטעווען דאס גאַנצע פאלק, און עס איז די פליכט פון דאס גאַנצע פאָלק צו ראַטעווען יעדען יחיד.

עס איז די דאָפּעלטע פליכט פון דאס אמע- ריקאנער יודענטהום, אויסצושטרעקען איין האנד צו דעם אריסטאָקראַטישען „יורד׳—די פאר- חורבן-טע אידישע אייראַפּא... און די צווייטע האנד צו ארץ ישראל...

און ביידע הענד זאלען זיין באגלייט ביי א שטאַרקען ווילען צו בויען—בויען ביידע, פאָלק און לאנד.

ניט קיין נדבות בעטען מיר נאָר קרבּנות.

דער חלוק איז א גרויסער.

א נדבה גיט מען, א קרבן ברייננט מען. און גיט מען די נדבה, נעהמט מען גאָר ניט צוריק...

און ברייננט מען דעם קרבּן, נעהמט מען צוריק די ריינוואשונג, די לייטערונג, און די כפרה...

ניין, ניט קיין נדבות זאלען יעצט קומען, נאר קרבּנות, און גרויסע קרבנות, ווייל גרויס איז אויך דער אידישער מזבח...

וילקט יוסף את כל הכסף—לקט נצוציו הקדושין
זהר.

און קומט עס צו געלד, ווייס איך קיינמאל ניט ווער עס איז דער נותן און ווער דער מקבל...

אפט דאכט זיך מיר, אז דער נותן איז דער מקבל און דער מקבל איז דער נותן...

דאס אידישע פאָלק האט אין די לעצטע יאָהרען גענומען, מעהר ווי געגעבען...

ווארום וואס פאר א ווערטה האבען די איינינגע מיליאנען וואס אידען האבען געגעבען פאר ארץ ישראל אין פארגלייך מיט דעם בלי-ציגען „שההינו-פייערל׳ וואס ציערט היינט יעדע אידישע אויג?...

...ולא בכסף תגאלו

ישעי׳ נ״ב.

א הונדערט מיליאָן דאלארדיגע נדבה פון איינינגע אידישע מיליאָנערען, וואָלט אפשר אויסגעלייזט דאס לאנד, אבער ניט דאס פאלק...

אונזערע פליכטען מוזען ווירקען ערציהע-ריש אויף די ברייטע שיכטען פון פאָלק, אזוי אז צוזאַמען מיט גרויסע קרבנות זאָלען אויך קומען גרויסע באַגריפען פאַר אַ שעהנערע, געזינטערע, שטאַרקערע ארץ ישראל...

איידאון-אַכציג

אמר ר׳ ביבא בר אחא אין אתה יכל
לעמוד על אופיה של אומה זו
נתבעין לעגל ונותנין נתבעין למשכן
ונותנין ירושלי׳ שקלים פרק א׳.

בײדע, אי א משכן, אי אן עגל, פֿאדערען געלד... נאר דער חלוק איז א טיפֿער...

װײל מען שאפֿען אן עגל, איז מען ניט איבערקלײבעריש מיט די נדבות, קײן פֿאראױס באשטימטע פֿאָרמע איז ניט נױטיג, מען װאַרפֿט די גאָלד-שטיקער אין פֿײער און עס קומט אַרױס אן ,עגל-מסכה׳... װײל מען אבער שטעלען א משכן, קלײבט מען נאר ,מאת אשר ידבנו לבו׳... און פֿאר די אױגען שװעבט א פֿײערדיגע פֿאָרמע װאס דיקטירט, ,ראה ועשה׳...

און—װען די גאלד-שטיקער שמעלצען זיך אין גליהענדען פֿײער, שמעלצען זיך צו דער זעלבער צײט, די הערצער און די נשמות פֿון דאס גאַנצע פֿאָלק...

# דער היסטארישער מאמענט.

(שלום-וואָרט)

צו דער גוטהייסונג פון דעם ארץ ישראל־מאנדאט ביי די
„ליעג און ניישאנס".

## א.

...סלו סלו פנו דרך הרימו מכשל מדרך בת
עמי          ישעי' נ״ז.

שווער און שטרויכלענד איז אונזער פריי-הייטס-וועג, און דער נסיון ווערט פאראנט-ווארטליכער פון מינוט צו מינוט...

ספק מיינט יעצט סכנה...ווייל ספק הייסט ווארטען...און ווארטען מיינט פארשפעטיגען...

שפעטער—און די סיטואציע קאָן זיין אזא.

די מכשלים פארדאָפּעלט.

די ענערגיע אויסגעזויגען (ביי דעם נאָגענ-דען ,יתוש' פון ספק...)

און—די ,שעת-הכשר'—פאָראיבער...

ב.

פנו דרך!...

זאל דיעזער פּראָפעטישער רוף דורכלויפען אזוי ווי אן עלעקטרישער שטראָם דורך אונזערע הערצער ...

פנו דרך!...

און פאַלען זאָלען די אינערליכע מחיצות און תהומים וואס צאַמען קלאַסען און פּארטייען אין אידישען לעבען... און אָפּראַמען זאל זיך דער וועג פון פרעמדע מכשלים און תקלות.

פנו דרך!...

דער דלילה-שער וואַרנונגס רוף, „פלשתים עליך שמשון" זאל אונז מעהר ניט שרעקען, ווייל אונזער לעבענס-גבורה איז געווען א סוד און וועט פאַרבלייבען א סוד... און אונזערע כחות זיינען מאָבליזירט...

דער ביז אהער פארשטיקטער פאלקס-כח זאל זיך שפּאַנען אין דעם ריעזיגען גאולה-צוג אזן—וועה, וועה צו די יעניגע וואס וועלען זיך ווארפען אונטער די רעדער... זיי וועלען צוריבען ווערען אויף אַש... אויף שטויב...

פנו דרך!...

ג.

די חלוצים וואס קומען אין ארץ ישראל ברײנגען מיט זיך צוויי זאַכען, ענערגיע און ליעבע...

און זייער פליכט צו ארץ ישראל איז א דאָפּעלטע, „לעבדה ולשמרה"... קיין פאָלק איז ניט ראוי צו ברײנגען אזוי פיעל קרבנות פאר ארץ ישראל ווי דאס אידישע פאָלק, און די וועלט ווייס עס. דאס אידישע פאָלק וועט וואַקסען צוזאַמען מיט ארץ ישראל... אזוי ווי א מוטער גאַרט צו זויגען איהר קינד, אזוי גאַרט ארץ ישראל צו עפענען איהרע שפע-דיגע קוואַלען פון חיונה פאר דאס אידישע פאלק...

פינק־און־אכציג

ד.

זאל עס פארצייכענט ווערען.

1923 איז דער יאהר וואס טראָגט די גרויסע, ליכטיגע נבואה פון דר. הערצל (אין זיין „אלט-נייע לאנד")

צו אונזער טיפען צער, האט ער ניט דער-לעבט — דער גייסטיגער ריעז — צו זעהן ווי זיין גרויסע נבואה ווערט פארווירקליכט...

זאָל זיין ליכטיגער גייסט אונז באַוועגען צו גרויסע טהאטען, צו ריעזיגע מעשים, אזוי אז דער הייליגער חלום וואס האט אויסגעפיהלט זיין גרויסען איך זאל ניט פאַרדונקעלט ווערען... זאל ניט פאַרקלענערט ווערען אונטער דעם האמער פון ווירקליכקייט...

— — דער שענסטער מאנומענט וואס מיר קאָנען שטעלען פאר דעם „נביא לדורות"...